National Library of Israel

**Haynt - היינט, 24.11.1933, page 8**

# אוי, דער סוף!

דער דיכטער יאָסעל האָט אַ ווערק,
אַ גרויסעס אָנגעשריבען.
אויף גיך די בלעטלעך, גאַנצע בערג,
האָט ער צונויפגעקליבען:
און איז מיט זיי געלאָפען באַלד
צום קריטיק ישראל שטערן,
און געוואָרט מיט אומגעדולד
פיעל ליבעריי אויסצוהערען.

דער קריטיקער, ער כאַפּט אַ קוק
און מישט די ערשטע בלעטלעך:
ס'איז אויסגעצייכענט! שיין, גענוג
ס'איז וואונדערבאַר און געטליך!
די הקדמה, דער פּראָלאָג —
דאָס איז טאַלאַנט דאָך ריינער;
נאָר דער העלד, דער „מענדל קלאָק" —
איז גאָרקי'ס מיט די ביינער.

דער קריטיקער מישט ווייטער, מישט
און ווערט אַליין מעהר נתפּעל:
ווען נישט קנוט האַמסון, געווען וואָלט איהר
אַ גדול בישראל.
איהר ווייסט? דער סטיל, דער סטיל בלויז איז
בערגעלסאָנ'ס אַ קרוב —
און ווייטער, ווייטער איז אַלץ גרויס,
בין איך אייך דאָ ווי ערוב.

דער הכּנן-אויפּגאַנג פּרעכטיג איז,
וואו האָט איהר דען גאָך איינעם?
ער ברענגט פון אַש'ן מיר אַ גרוס
און ווייטער נישט פון קיינעם.
דער סוף בלויז איז צו שוואַך אַרויס,
דער סוף בלויז איז זעהר אָרעם.
פּאַרוואָס איז עס נישט געלאָקבענט ביי
מענדעלע מוכר ספרים?

דיטמאַן.